# א גריס פון בית פיגא

פרשת נשא

י"א סיון תשפ"א

יאר 1 גליון 26

## מעשיות פון תפילה

### פרי 1 עי - אדי קרויס



איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל נישט פארפאסן די באס, און ש׳כח אייבערשטער אז איך האב עס געמאכט!

### ערשטע קלאס - רויזעלע ראטענבערג



איך בעט שוין זייער לאנג די אייבערשטער אז איך זאל באקומען א העירקאט, ווייל איך וויל האבן שיינע צניעות׳דיגע האר, און ש׳כח אייבערשטער אז מיין מאמע האט מיך געשניטן מיין האר!

### צווייטע קלאס - הדסה אריה



איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל קענען ענדיגן תהלים שבועות, ווייל שבועות איז דוד המלך׳ס יארצייט, און ש׳כח אייבערשטער אז איך האב געענדיגט תהלים!

### פערדע קלאס - לאה׳לע איידליס



איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל זיין שבועות אין שטעטל און ש׳כח אייבערשטער אז מיין משפחה איז געפארן שבועות אין שטעטל!

### עלטסטע קלאס - ריסי ברוין



איך האב געבעטן די אייבערשטער אז די בילד וואס איך מאל פאר די גליון זאל אויסקומען שיין, און ש׳כח אייבערשטער אז עס איז אויסגעקומען הערליך!

### בית פיגא ליבערטי - חי צירל פורסט



איך האב געשריבן א בריוו פאר די ראש ישיבה און איך האב געבעטן די אייבערשטער אז מיין בריוו זאל אנקומען צו די ראש ישיבה און די אייבערשטער האט געהאלפן!

## נייעס אין בית פיגא...

נייעס אין בית פיגא וויליאמסבורג: לכבוד ראש חודש סיון איז פארגעקומען א פרייליכע ראש חודש פראגראם! מען האט געמאכט פיינע מילכיגע טשיז קאפס לכבוד שבועות, און דערנאך האט מען געשפילט א באחדות׳דיגע געים וואס צום סוף האט יעדע מיידל באקומען א מילכיגע טשאקלעד וואס מען האט געקענט ארויפלייגן אויף די טשיז קאפ. אלע מיידלעך זענען געווען אזוי פרייליך און געזאגט ש׳כח אייבערשטער!!

נייעס אין בית פיגא ליבערטי: די פערטע קלאס פון שטעטל סקול האט געמאכט א סיום אויף הלכות נטילת ידים! זיי קענען ב"ה זייער גוט, ווייל זיי הערן זיך צו צו זייער טיטשער! יעצט האבן זיי אנגעהויבן צו לערנען הלכות סעודה. פאר שבועות האט מען געהאט א געשמאקע פראגראם לכבוד שבועות, מען האט דעקארירט שיינע בלומען, און מען האט געשריבן שיינע בריוון פאר די עלטערן, יעדע מיידל האט געשריבן ווי דאנקבאר זי איז פאר איר מאמע און טאטע.

פרי 1 עי אין וויליאמסבורג און אויך פרי 1 עי אין שטעטל גרייטן זיך שוין צו זייער הערליכע גרעדאעישין! מען גרייט זיך צו און מען חזר׳ט די ניגונים אז מען זאל עס קענען זייער גוט... מיר קענען שוין קוים ווארטן!

# א בריוו פון דער ראש ישיבה שליט״א

בעזרת ה׳ יתברך

ערב שבת קודש פרשת וירא, י״ז מר-חשון, שנת תשע״ט לפרט קטן

**... תחי׳, תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך האב זייער הנאה צו הערן פון דיר די אלע שיינע זאכן וואס טוט זיך אין סקול; די מיידלעך לעבן באחדות, עס הערשט נישט קיין אנגעצויגנקייט צווישן די מיידלעך ווער עס קען זיין שענער אנגעטון, נאר מיידלעך קומען מיט געניצטע קליידער. מען שעמט זיך נישט צו קומען אין סקול מיט א מאנטל וואס מען האט באקומען בירושה פון א צווייטן און מען זוכט נישט צו געפעלן מיט די קליידער פאר א צווייטן.

נאך מער פריי איך מיר צו הערן אז אלע מיידלעך שפילן זיך אינאיינעם; עס פאסט פאר א מיידל צו גיין און קומען מיט אן אנדערע מיידל אפילו זי איז יונגער וכו׳ און מען שפילט מיט אלעמען אינאיינעם.

דו שרייבסט מיר: ״ביי אונז אין סקול איז צניעות א זאך וואס איז ארויפגעקוקט״; מיט דעם האסטו מיר געגעבן לעבן. ווייל איך וויל זייער שטארק אויפשטעלן א קהילה וואס פירט זיך בצניעות, אז די פרויען און מיידלעך זאלן נישט אנקוקן צניעות ווי א קנס אדער א שטראף וכו׳ נאר קוקן אויף צניעות ווי א שיינע זאך, אן איידעלע זאך און א חשוב׳ע זאך. די געפיל צו צניעות זאל זיין אז יעדעס מאל מען האט א ספק אויף צניעות זאל מען זיך אליינס פסק׳נען לחומרה; צום ביישפיל אויב מען האט א ספק אויף א קלייד צי עס איז א משהו קורץ אדער נישט, זאל מען אליינס מחליט זיין אז מען טוט עס נישט אן; אזוי אויך ביי יעדע זאך.

איך שרייב דיר א שרעקעדיגע זאך וואס מוהרא״ש שרייבט אין א בריוו פאר אלע פרויען (יום ג׳ לסדר וארא, כ״ב טבת, ה׳תשע״ה): ״וַאֲנִי מְאֹד מְאֹד מְבַקֵּשׁ אוֹתָךְ שֶׁתִּתְחַזְּקִי יוֹתֵר וְיוֹתֵר בְּעִנְיָנֵי צְנִיעוּת״, איך בעט דיר זייער דו זאלסט אכטונג געבן אויף צניעות, ״כִּי זֶה הַמִּשְׁמָר שֶׁלָּנוּ שֶׁשּׁוֹמֵר אֶת נְשׁוֹת יִשְׂרָאֵל מִכָּל מִינֵי מַחֲלוֹת וָחֳלָאִים רָעִים״, ווייל ווען מען פירט זיך בצניעות ווערט מען אפגעהיטן פון אלע ביטערע מחלות - השם ישמרינו, ״וַאֲנִי תּוֹלֶה אֶת מַחֲלַת אִשְׁתִּי תִּחְיֶ׳ [עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם] מִפְּנֵי שֶׁלֹּא עוֹרַרְתִּי אוֹתָךְ יוֹתֵר וְיוֹתֵר בְּעִנְיָנֵי צְנִיעוּת״, איך האלט אז דאס וואס מיין ווייב איז קראנק געווארן מיט די ביטערע מחלה השם ישמרינו קומט מיר ווייל איך האב דיר נישט גענוג מעורר געווען אויף צניעות.

ווען איך האב געליינט דעם בריוו האט מיר געגעבן א ציטער אין מיינעביינער. איך האב געטראכט צו מיר: ׳ווער האט נאך אזוי סאך מעורר געווען אויף צניעות ווי מוהרא״ש?׳ ווער עס לערנט אין ׳אשר בנחל׳ די בריוו וואס מוהרא״ש שרייבט פאר אנשי שלומינו און פאר די ווייבער, זעט מען כאטש איין מאל א וואך ווי מוהרא״ש איז מעורר אויף צניעות, מיט דעם אלעם שרייבט מוהרא״ש אז מען דארף נאך מער רעדן פון דעם; דעריבער אז דו שרייבסט מיר אז ביי אייך אין קלאס ביי די עלצטע כתה איז צניעות א חשוב׳ע זאך פריי איך מיר זייער.

ווייז די בריוו פאר אלע מיידלעך פון דיין קלאס; זאלן זיי וויסן וואס מוהרא״ש האט געוואלט און וואס איז חשוב ביים אייבערשטן.

יואל רוטה

# א מעשה פון א צדיקת

די הייליגע בעל שם טוב האט זייער שטארק ליב געהאט זיין טאכטער אדל ווער ווייסט פארוואס?

מען האט אמאל געפרעגט די הייליגע רבי די זעלבע שאלה, און ענק ווייסן וואס די הייליגע רבי האט געענפערט? אז זי איז שטענדיג ארום געגאנגען טראכטנדיג, **'וויאזוי קען איך מאכן א נחת רוח פאר די אייבערשטער?'**

אדל האט זוכה געווען אז איר הייליגע טאטע, דער בעל שם טוב האט איר זייער ליב און גערעכנט אזויווי איינע פון זיינע תלמידים. וויאזוי האט זי זוכה געווען צו דעם?

ווייל זי האט נאר געוואלט מאכן די אייבערשטער פרייליך. זי איז געגאנגען אנגעטון צניעות'דיג, ווייל ווען מען גייט אנגעטון צניעות'דיג ווערט די אייבערשטער פרייליך. און אויך ווען מען רעדט צו די אייבערשטער, און מען געבט צדקה, ווערט די אייבערשטער פרייליך!

מיר קענען אלע נאכמאכן די צדיקת אדל, דורך פרובירן צו טראכטן א גאנצן טאג, **'וויאזוי קען איך מאכן א נחת רוח פאר די אייבערשטער?'**



***'וויאזוי קען איך מאכן א נחת רוח פאר די אייבערשטער?'***

# פון אונזערע לערערינס...

לכבוד מיין טייערע תלמידה... תחי'

איך האב אזוי ליב צו הערן דיין הערליכע קול ביי דאווענען! איך דיין לעכטיגע שמייכל מאכט לעכטיג אונזער קלאס! איך קוק דיך אן ווי סאך דו ביסט געוואקסן אין מידות, און ווי ערוואקסן דו ביסט געווארן, ממש נישט צום דערקענען.

פרוביר יעדן טאג צו געבן א קאמפלעמענט פאר אן אנדערע מיידל, ספעציעל א מיידל וואס זיצט אליינס און איז נישט א חלק פון די קלאס. גיי צו צו איר און שמועס מיט איר, וועסטו איר ממש אויפלעבן! ווייל יעדער האט דיך אזוי ליב און ווען מען שמועסט מיט דיך באקומט מען אזא גוטע געפיל, ווייל דו מאכסט יעדן פילן גוט!

וואס דו דארפסט בעט נאר פון די אייבערשטער.

מיט ליבשאפט,



## ספר המדות ווינקל

### אות בושה

**טז. עַל-יְדֵי בִּטָּחוֹן לֹא יָבוֹא עָלָיו בּוּשָׁה.**

אז מען האט בטחון ווערט מען נישט פארשעמט.

**כב. כְּשֶׁמְּבַיְּשִׁין אוֹתְךָ, תִּתֵּן צְדָקָה.**

ווען מען פארשעמט דיר, זאלסטו געבן צדקה.




## קוואל פון חיזוק

ליב האבן זיך אליינס...

הערט א שיעור דער ראש ישיבה שליט"א

212-444-9169

2,3,3114

## א גוט שבת!

זמן שבת: 7:57

זמן מוצש"ק: 9:25



# RECIPE

## RICH CARAMEL MUFFIN




- 4 eggs
- 1 ¾ cups sugar
- ¼ cups brown sugar
- 1 pkg. instant vanilla pudding
- ¾ cups oil
- 1 tsp. vanilla extract
- ½ cup orange juice
- ½ cup coffee whitener
- 3 ½ tsp. baking powder
- 2 ½ cups flour
- ½ cup caramel chips (melted)
- ¾ cup caramel chips

Preheat oven 350°

Beat eggs and sugar until fluffy. Add rest of ingredients one at a time. Pour batter into lined muffin pans ¾ full. Sprinkle caramel chips

Bake for 20-25 minutes.

Yield: 24 muffins

נישט פארגעסן צו בעטן דער אייבערשטער עס זאל גוט געלונגען!